# דער לץ

די טעאַטער טרופּע איז געווען קליין אין צאָל און זייער אָרעם אין מיטלען. אָבער אַלע אירע מיטגלידער האָבן זיך באַטראַכט פאַר קינסטלער, וואָס גייען קעגן דעם שטראָם פון אַ קאָרומפּירטער און צינישער וועלט.

זיי האָבן געפילט, אַז זיי רעפּרעזענטירן די צוקונפט, און זינט זיי זיינען געווען זייער יונג איז זיי אָנגעקומען גאַנץ לייכט אין דעם צו גלייבן. זיי זיינען זיכער געווען אַז די צוקונפט וועט זיי פאַרגיטיקן פאַר אַלע שוועריקייטן און דערנידערונגען.

זיי האָבן אָנגענומען פאַר נאַטירלעך דאָס אונטערהונגערן, דאָס גיין אין אָפּגענוצטע קליידער און דאָס שלאָפן אין ניט־געהייצטע, צופעליקע דירות.

זיי האָבן דעם עולם אונטערגעטראָגן בלויז עקס־פּערימענטאַלע און שפּאָגל־נייע שפּילן. זייערע מחברים זיינען אויך געווען זייער יונג. דער עולם וואָס פלעגט איבערפילן דאָס קליינע טעאַטערל האָט זיי באַטראַכט ניט נאָר פאַר אַקטיאָרן, נאָר אויך פאַר קעמפער פאַר נייע ווערטן. די אַלע ווערטן האָבן געהאַט צו טאָן מיט פרילינג, פאַרפלייצונגען און פרייהייט. אַלע אינעם קליינעם טעאַטערל — פרויען און מענער — האָבן געהאַט בלייכע ביינערדיקע פּנימער און ברייט־אויפגעריסענע אויגן, וואָס האָבן אַלע זייטיקע מענטשן באַטראַכט מיט ברוגז,

פּונקט ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אין זייער וועג. צוזאַמען מיט יונגשאַפט האָבן זיי פאַרמאָגט אַ נאַכלעסיקע מידקייט, אַפילו זייער געלעכטער האָט געטראָגן די דאָזיקע נאַכלעסיקע מידקייט — די וועלט האָט בלויז דערגרייכט צו זייערע קני.

דער רעזשיסער פון דער טרופּע איז געווען מיט פינף=זעקס יאָר עלטער פון די איבעריקע שפּילער. הינטער די אויגן האָט מען אים גערופן „דער אַלטער", אין די אויגן — פּשוט „אַלטער". זיין אמתן נאָמען „וואָלטער" האָט מסתמא בלויז געוואוסט זיין הונט, וועגן וועלכן ער פלעגט דערציילן פאַרשידענע ניט=געשטויגענע געשיכטעס.

דער אַלטער האָט ניט געגלייבט אין אַ „סטאַרן=סיסטעם" און אין „ראָלעם=ספּעציאַליסטן". ניט געקוקט אויף דעם האָבן זיך מיט דער צייט גענומען אַרויסרוקן טאַלאַנטן פאַר וועמען געוויסע ראָלעס זיינען געווען ווי אָנגעמאָסטן. אָבער דער אַלטער האָט עס ניט באַמערקט, ווייל זיינע אויגן האָבן בלויז געזען אידייען.

די טראַדיציאָנעלע ראָלע פון אַ קאָמעדיאַנט אָדער אַ לץ איז אין דעם רעפּערטואַר פון זיין טעאַטער רעדוצירט געוואָרן צו אַ מינימום. דער אַלטער האָט געהאַט זיין אַרטיסטישן מאָטאָ: טעאַטער איז ניט קיין צירק... טעאַטער איז אַ שלאַכט=פעלד.

אינגאַנצן איז מען פון דעם לץ ניט פּטור געוואָרן, אָבער זיין אָנזען צווישן די אַקטיאָרן איז געווען ניט קיין געהויבענער. „אויב פראַווען שטיק" — אַזוי האָבן זיי באַצייכנט זיין שפּילן — „איז קונסט, איז עס זיכער פון דער נידעריקסטער מדרגה".

פאַרן אָפּשליסן דעם טעאַטער סעזאָן האָט דער אַלטער אויסגעקליבן אַ זאַך פון אַ יונגן „גאון". ס'איז געווען אַ דראַמע מיט אַ פּאָליטישן אונטערשלאַק, פול מיט זאַלפּן פון פייער=

ראַקעטעם. די צענטראַלע פיגור אין דער דראַמע איז געווען אַ דיקטאַטאָר, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט דורך אינטריגעס, מאָרד און פאַרראַט. מיט איין וואָרט, אַ מין קאָמבינאַציע צווישן מאַקיאַוועלים פרינץ און קאַליגולאַ. נאָך יעדער פאַרשווערונג וואָס ר׳האָט אַליין קעגן זיך אָרגאַניזירט איז געשטיגן זיין מאַכט. דער אונטערשייד צווישן טעאָלאָגיע און פּאָליטיק איז פאַרשוואונדן. און ר׳איז דערקלערט געוואָרן פאַר אומ־שטערבלעך. זיין הויפּט־דאָקטער האָט דערקלערט, אַז ר׳איז אַ ביאָלאָגישע אוממעגלעכקייט, ווייל ר׳ווערט יעדער יאָר יינגער. די בירגער פון לאַנד האָבן אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז סוף־כל־סוף וועט ער אומברענגען זיין אייגענעם טויט.

ס׳איז אָן ספק געווען אַ ראָלע מיט אַ סך וואונדערלעכע מעגלעכקייטן, ווי אָנגעמאָסטן פאַר איינעם פון די „טראַגישע סטאַרן”. אָבער דער אַלטער האָט איינעם נאָכן אַנדערן אויסגעבראַקירט. זיין טענה איז געווען: — איר האָט אַלע דעם דיקטאַטאָר פיינט... אָבער דאָס איז ניט גענוג. זייער פּאַרטיידיקן זיך, אַז זיי האָבן טאַקע דעם דיקטאַטאָר פיינט, אָבער ליב די ראָלע האָט דעם אַלטן ווייניק וואָס איבערצייגט. איין „סטאַר” האָט זיך אַפילו צעשריען: וואָס ווילסטו פון מיר, דו ווילסט כ׳זאָל איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ — פיינט האָבן די ראָלע און ליב האָבן דעם דיקטאַטאָר?

דער רעזשיסער האָט אויף דעם בכלל ניט געענטפערט. זיין מעטאָד איז באַשטאַנען: ווייזן דעם אַקטיאָר דעם ריכטיקן וועג אָבער ניט לערנען אים ווי צו גיין.

די ליסטע פון די אַקטיאָרן פאַר דער ראָלע האָט זיך כמעט אויסגעשעפּט, אָבער ווערדליק די אָנגענומענע תקנות פון דער טרופּע האָט אַפילו דער לעצטער נומער געהאַט דאָס רעכט

אויסגעפּרובירט צו ווערן.

קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אַז דער לץ וועט דאָס דאָזיקע רעכט אויסנוצן. אָבער אַ לץ בלייבט אַ לץ — צוליב לצנות וועט ער אַלץ אָפּטאָן.

דער לץ איז אַרויף אויף דער סצענע. די ערשטע פּאָר רגעס איז ער געווען דער אַלטער באַקאַנטער פּאַרשוין וואָס פּראַוועט שטיק, בלויז אַ ביסל מער חוצפּהדיק און בייזער. דאַן האָט ער זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, כמעט אומבאַמערקט, גענומען ענדערן. די אַרויסרופערישקייט איז געוואָרן מער דראָענדיק, די קאָמישע זשעסטן מער אָפּלאַכעריש. זיינע קורץ־געשאָרענע האָר האָבן זיך אויפגעשטעלט ווי נאָדלען, די אויגן זיינען פאַרשוואונדן אונטער די שווערע ברעמען און די ליפּן האָבן גענומען צוקן. ס'איז שווער געווען צו וויסן צי ר'שטיקט זיך פון געלעכטער, צי פון צאָרן.

די אַקטיאָרן האָבן געקוקט אויף עמעצן, וואָס איז זיי אינגאַנצן געווען אומבאַקאַנט: אַ קאַרליק און אַ ריז איינצייטיק. העפלעך און העסלעך, זיין שטימע איז געקומען פון פאַרשידענע ערטער: פון בויך, פון דער נאָז, פון אונטער די שיך... קלאָר, דער קאָמעדיאַנט איז אַראָפּ פון זינען. ער איז געווען אומגלייבלעך, ר'האָט פאָרגעשטעלט ניט קיין מענטשן נאָר אַ דערשיינונג, וואָס פאַרשווינדט ווי נאָר די אילוזיע ענדיקט זיך.

די גרענעץ צווישן אימיטאַציע, פּאַראָדיע, פּאַרס, טראַגעדיע און גראָערווירקלעכקייט איז פאַרשוואונדן.

ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך פאַרצויגן האָבן אַלע געוואוסט: דער לץ איז געוואָרן אַ „סטאַר".

אָבער דער דיקטאַטאָר האָט ווי ניט געהערט די אַפּלאָדיסמענטן, ר'איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סצענע און

אַרויסגעטראָגן זיך פון זאַל.

די אַקטיאָרן האָבן זיך געוואונדערט ווי אַזוי אַ קאָמעדיאַנט, אַ לץ האָט געקענט אַריינדרינגען אין אַזאַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער ווי דער דירעקטאָר.

אויך דער רעזשיסער האָט זיך געוואונדערט אָבער צוליב אַן אַנדער סיבה: ר׳האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס ר׳האָט קיינמאָל ביז איצט ניט באַמערקט די אמתע נאַטור פון זיין „לץ”.